# מאמר המחבקית

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 121 | חנוכה תשפ"ד לפ"ק


טהור עינים

תנה בני לבך לי ועיניך

2

גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת

# די וואונדער פונעם אויג



אינספערירנדע פאקטן איבער די וואונדער פונעם אויג און די טיפע חכמת הבריאה פונעם חוש הראי', וואס ברענגט אונז התבוננות צו טון מיט זיי בלויז רצון ה'.

דם פארגאנגענעם יום טוב סוכות האבן מיר געשריבן בס"ד איבער די פיל וואונדער פונעם אויג. מיר האבן גאר שטארק צוריקגעהערט פון אסאך ריכטונגען ווי ווייט דער מאמר האט ב"ה עושה רושם געווען, ארויסברענגענדיג די שטארקע פליכט א איד צו אנערקענען די גרויסע מתנה וואס דער רבש"ע האט אים געשאנקען מיט די צוויי אויגן, וואספארא אחריות מיר האבן דאס צו אויסניצן ווי ס'דארף צו זיין, און נישט טון מיט זיי וואס איז קעגן דעם רצון ה'. מיר וועלן אצינד ממשיך זיין מיט'ן צווייטן חלק פונעם מאמר, וואו מיר וועלן זיך קאנצענטרירן טיפער אריין אינעם חוש הראיה, צו פארשטיין וויאזוי דאס ארבעט און וויפיל וואונדערליכע פאסירונגען זענען פארבונדן מיט יעדן איינציגן בליק פון א מענטש.[א]

ווי פאסיג איז דער שמועס יעצט אין די ימי חנוכה, די טעג וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויף הלל והודאה, צו דאנקען דעם באשעפער אויף אלע זיינע חסדים, וואס אין דעם פארנעמט א וויכטיג ארט דער וואונדערליכער חוש הראיה.

חכמינו ז"ל באצייכענען יוון אלס "חושך", וויבאלד זיי האבן פינסטער געמאכט די אויגן פון די אידן. מיט זייער חכמת הפילאזאפיע האבן זיי געוואלט אז מ'זאל קוקן אויף אלעם מיט טבע'דיגע ברילן, און נישט טרעפן דעם אויבערשטן אין יעדער זאך פון דער בריאה. אין דעם זמן וועלן מיר באטראכטן די וואונדערליכע זע-קראפט וואס דער רבש"ע האט אריינגעשטעלט אין אונז, און אויפהייבן אונזערע אויגן צום הימל - וּראוּ מי ברא אלה. דאס אלעס קומט פונעם הייליגן באשעפער, וועלכער איז מחדש די אלע פלאות יעדע רגע פונדאסניי, און קיין שום זאך פאסירט נישט אן דעם רצון ה' מיט א פינקטליכן חשבון.

אין די חנוכה טעג הייליגן מיר אויך אונזערע אויגן דורכ'ן זיך איינקוקן אויף די הייליגע פלעמעלעך פון די חנוכה ליכט, ווי די ספה"ק שרייבן אז דאס איז סיי א גרויסער תיקון אויפ'ן עבר, און סיי איז עס מקדש די אויגן אויפ'ן עתיד אז מ'זאל האבן די כוחות זיך צו שטארקן איבער די נסיונות. אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר בעז"ה באקומען א נייעם דערהער וואס ס'פאסירט טאקע ווען א איד קוקט מיט זיינע אויגן אויף די הייליגע חנוכה ליכט.

~ ~ ~

## תוכן הגליון


די וואונדער פונעם אויג ____ זייט 1-4

דאס בילד - א חלק פונעם מענטש ____ זייט 5

הלכות השכיחות בחנוכה ____ זייט 11

מעשה לכבוד חנוכה ____ זייט 12



ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו
הרה"ח ר' **יואל** בר"א
**שווארטץ** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת מצוא
לרגל הולדת נכדו למז"ט אצל בנו
הר"ר **מרדכי** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל
המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה
וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב, ויזכה
לראות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, אמן


## דער גאנצער מענטש קאנצענטרירט אין די אויגן

דער מדרש זאגט,[2] **רמ"ח אברים יש בו באדם, וכולן הולכין אחר העינים** - א מענטש פארמאגט 248 אברים, און אלע גייען נאך די אויגן. אינעם חוש הראיה איז קאנצענטרירט דער גאנצער מענטש, און פון דארט ווערט ער געפירט. דער חן פון א מענטש געפינט זיך אין זיינע אויגן,[3] און דארט איז דער

# 2 די וואונדער פונעם אויג

טויער פון דער נשמה.[4] אויך די שכינה הק' וואס רוט אויף א איד איז אין זיין ראיה, ווי דער **זוהר הק'** שרייבט,[5] **קודשא בריך הוא שריא בראיה**.

אין אלגעמיין פארציילן די אויגן גאר אסאך אויפ'ן מענטש. דער הייליגער **טריסקער מגיד זי"ע** שרייבט[6] אז מ'קען דערקענען אין די אויגן דעם גאנצן מענטש, וויאזוי ער פירט זיך אויף מיט אלע אברים, און אפילו וואס ער טראכט אין זיין מחשבה קען מען דערקענען אין די אויגן! מ'קען דאס זען בחוש ווען מ'קוקט אויף ערליכע אידן, אז זיי פארמאגן ליכטיגע און איידעלע אויגן וואס שיינען ארויס דעם צלם אלקים. ס'זענען פארהאן מערערע מעשיות פון צדיקים וועלכע האבן געווארפן א פחד מיט זייערע הייליגע אויגן.

מ'דערציילט[7] אז דער מאנטשעסטער ראש ישיבה, **הגאון ר' יהודה זאב סג"ל זצ"ל**, האט אמאל באזוכט ביי א גרויסן מח דאקטער. דער פראפעסאר פלעגט קענען אריינקוקן אין א מענטש'ס אויגן, און דורכדעם וויסן אלע מחלות וואס דער מענטש ליידט. האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט צי ביי יעדן פאציענט קען ער דאס זען. האט דער דאקטער געענטפערט אז יא, ביי יעדן קען ער דאס טון, חוץ ביי איין פאציענט וואס ער האט אמאל געהאט. דאס איז געווען **מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע**, וועלכער איז אמאל געווען ביי אים פאר אן אונטערזוכונג. "ווען איך האב פרובירט אריינצוקוקן אין זיינע אויגן, בין איך ממש דערציטערט געווארן. איך האב פשוט נישט געקענט אריינקוקן אדער זען, צוליב וואס זיי האבן געלויכטן ווי דיאמאנטן."

ס'איז אינטערעסאנט צו ברענגען וואס דער באקאנטער **גר צדק מוה"ר אברהם גאלדשטיין שליט"א** פארציילט איבער זיינע ערשטע שטאפלען וויאזוי ער האט אנגעהויבן ציען צו אידישקייט. איינע פון די זאכן וואס האבן אים געכאפט איז געווען ווען ער האט באמערקט אז גרויסן חילוק צווישן די אויגן פון א איד און די אויגן פון א גוי. ווי ר' אברהם שליט"א ערקלערט דאס: "א גוי וויבאלד ער קוקט זיך אן מיט ווילדע און מיאוס'ע זאכן, האט ער ווילדע אויגן. די אויגן שטייען אים נישט גראד, זיי זענען פארגרעבט, מ'זעט דאס בחוש. ווידער ווען איך בין געקומען צווישן אידן, האב איך געטראפן אנדערע פנימ'ער; די אויגן זענען איידל, הייליג, רואיג, און ווארעם. דאס האט מיך זייער געצויגן, און אויפגעוועקט אין מיר דעם פייער אז איך וויל זיין א איד!"

~ ~ ~

## וויאזוי "זעט מען"?

אצינד לאמיר אריינגיין אינעם חוש הראיה, אביסל צו דערגיין וויפיל נפלאות ס'פאסירט יעדע רגע וואס מיר קוקן מיט די אויגן.



> אז א מענטש קוקט אויף א פּאַנאָראַמע פון בערג און טאלן; וויאזוי קומען די אלע בערג און טאלן צוקריכן אריין אין זיינע אויגן לעכער? צי איז עס עפעס א רוחניות'דיגער כח וואס די אויגן גיבן ארויס און כאפן אריין אין זיך דעם גאנצן ארום? אין אייןווארט: וואס איז דער געניער באדייט פונעם חוש הראיה?

אינעם פריערדיגן מאמר איז געווארן אויסגעשמועסט אז דאס אויג איז צוזאמגעשטעלט פון גאר אסאך וואונדערליכע חלקים.

צוערשט געפינט זיך די **קאָרניע** (cornea), דאס דורכזיכטיגע האטל וואס נעמט ארום און וואכט אויפ'ן אויג. אין איר האט דער רבש"ע אריינגעצויגן מיליאנען אומזעבארע נערוו פעדעמער, וועלכע זענען סענסעטיוו צו יעדער פרעמדער זאך וואס קומט צום אויג. אויך שפירן די נערוון ווען דאס אויג דארף ווערן אפגעוואשן, דורך די אויגן-לעפלעך וואס בלינקען יעדע עטליכע סעקונדעס און וואשן אפ דאס אויג מיט א פליסיגקייט וואס רינט כסדר אריין.

דערנאך קומט דער **שווארצאַפּל**, וועלכער באשטייט פון א לאך אין צענטער פונעם אויג וואס לאזט דורך די שטראלן. טיפער אריין איז די **רעטינע** (retina), א ספעציעל האטל וואס ליגט אויסגעצויגן הינטער פונעם אויג פון אינערווייניג. אויף דער רעטינע זיצן מיליאנען רעסעפּטאָר צעלן, וועלכע ווערן גערופן **ראָדס** און **קאָנעס** (rods & cones), וואס זיי כאפן אויף דאס בילד וואס קומט אריין אינעם אויג און ליינען אפ די אינפארמאציע.

פון דא פארט עס ווייטער צום **זע-נערוו** (optic nerve) - א דיקער נערוו צוזאמגעשטעלט פון איבער א מיליאן דינטשיגע נערוו-פעדעמער - און ער פירט אריבער די אינפארמאציע צום מח. דער מח הייבט אן ארבעטן פיבערהאפטיג מיט פארגעשריטענע אַלגאָריטמס, און שטעלט ענדגילטיג צוזאם דאס בילד וואס דער מענטש "זעט".

דאס איז אין קורצן די פראצעדור וואס דאס בילד פארט דורך פון ווען ס'גרייכט דעם מענטש ביז דער מענטש ווייסט וואס ער האט יעצט געזען.

אבער אייגנטליך, וויאזוי זעט דער מענטש בכלל דאס בילד? לאמיר זאגן אז א מענטש קוקט אויף א פּאַנאָראַמע פון בערג און טאלן; וויאזוי קומען די אלע בערג און טאלן צוקריכן אריין אין זיינע אויגן לעכער? צי איז עס עפעס א רוחניות'דיגער כח וואס די אויגן גיבן ארויס און כאפן אריין אין זיך דעם גאנצן ארום? אין איין ווארט: וואס איז דער געניער באדייט פונעם חוש הראיה?

נאך א שאלה וואס איר האט זיך שוין מעגליך געוואונדערט: פארוואס קען מען נישט זען ווען ס'איז טונקל? די אנדערע חושים, ווי הערן און שמעקן, פונקציאנירן אין דער טונקל גענוי ווי ווען ס'איז ליכטיג. פארוואס איז דער חוש הראיה אנדערש?

דער אמת איז אז מ'קען יא זען ווען ס'איז טונקל. גייט אין א טונקעלן צימער, עפנט אויף דעם פירהאנג צו דער גאס וואו די לאמפן באלייכטן, וועט איר קענען זען אלץ וואס טוט זיך דארט - נאך בעסער ווי ווען דער לעקטער אין צימער איז אנגעצונדן. אבער אין א פארקערטן מצב, ווען איינער שטייט אין א ליכטיגן פלאץ און ער קוקט אריין אין א פינסטערן צימער, וועט ער גארנישט זען.

---

**1.** מיר זענען אסאך געהאלפן געווארן פאר דער סעריע פונעם ספר הנפלא "קדושת עינים", פון **הרה"ג ר' אהרן טויסיג שליט"א**; ספר "שהכל ברא לכבודו", פון **הרה"ג ר' אברהם מייזעלס שליט"א**; די ספרים פון **הגאון רבי אביגדור מיללער זצ"ל**; אזוי אויך האבן מיר גאר אסאך נהנה געווען פון די וואונדערליכע שיעורים פון **הגאון ר' יצחק זלמן גיפס שליט"א** רה"כ ספינקא ב"פ ומח"ס "אדון הנפלאות" וואס ווערט געזאגט טעגליך אויף "קול אמונה" (תשח"ח להם פאר אויסקלויבן אלע שיעורים אויף די אויגן); פון די גאר רייכע "ברכי נפשי שיעורים", פון **הרה"ג ר' לוי יצחק האניג שליט"א** אויף "קול יושבי אוהל"; אזוי אויך פון די זעלטן רייכע גליונות "שערי מדע", פון **הרב משה נחום קרויס שליט"א**; און פון די **גליונות "עין יפה"**. זכות הרבים תלויה בהם.

**2. שיר השירים רבה** ז,ה. ועיין בחלק א' של המאמר מזה.

**3.** עי' **ערבי נחל** (נח ד"ה מכל): "מציאות החן אינו רק בעינים". וע"ע **בקדושת עינים** (עמ' עח) בזה ששורש החן הוא העין. ועיי"ש בשם **עטרת ישועה** (פר' ויחי ד"ה א"י ויחי) דתיבת 'חן וחסד' בגימטריה 'עין'. ובספר **עבודת פנים** (פ"ג אות ד) כתב דמי שאינו מסתכל בחן השקר, זוכה לחן האמיתי, כאמרם ז"ל (סוכה מט.) כל אדם שיש עליו חן בידוע שהוא ירא שמים.

**4.** מובא בחלק ראשון של המאמר (גליון 117, סוכות תשפ"ד) בשם **הבאר מים חיים זי"ע והרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע**.

**5.** פינחס דף רכט,ב. ע"פ ביאור הראשית חכמה בשער הקדושה.

**6. מגן אברהם** טריסק, הדרכה ישרה בסוף הספר, מובא בספר **שהכל ברא לכבודו** (עמ' 37).

**7. שהכל ברא לכבודו** (עמ' 38), **מושיען של ישראל** ח"ה מתוך מכתב שכתב נכדו הרה"ג מהרא"ה עהרנטרייא, ר"מ ווילרייק.



הייסט דאס אז בעצם קען מען יא זען ווען מ'איז אין דער טונקל, נאר מ'קען נישט זען **עפעס וואס געפינט זיך** אין דער טונקל.

נאך א פראגע: וואס איז דאס קאלירן? פארוואס איז אן עפל רויט און א באנאנע געל? פארוואס איז דער הימל בלוי און דער גראז גרין? פארוואס איז יעדע בלום אן אנדערער קאליר?

די זענען נישט קיין נארישע פראגעס, נאר גרויסע געלערנטע זענען געזעצן גאנץ אויף דעם יארן לאנג צו דערגיין די ענטפערס. להבדיל אין די ספרים הק' טרעפן מיר אויך אפט ווי זיי האבן זיך מטפל געווען דערמיט, מיט'ן ציל ארויסצונעמען דערפון א מוסר אין עבודת ה', כי ממנו נקח לעבוד את ה'.

## ליכט-שטראלן

אויב האט איר קיינמאל נישט געהערט דעם ענטפער אויף די פראגעס, וועט איר מסתמא ווערן גענצליך איבערראשט. דאס מציאות איז אינגאנצן אנדערש ווי איר זענט מעגליך געווארנט צו טראכטן.

דער חוש הראיה אויפ'ן שפיץ גאפל איז דער כח פון די אויגן צו מקבל זיין ליכט-שטראלן.

די גאנצע וועלט, יעדער חפץ וואס מיר זעען, שפיגלט אפ שטראלן. די שטראלן קומען אריגינעל פון פארשידענע ענערגיע קוועלער, ווי די זון, פייער, אדער עלעקטרי. זיי קלאפן זיך אן אינעם חפץ וואס מיר זעען, און דערנאך טאנצן זיי אויף צוריק אין אלע ריכטונגען, און אזוי ארום גרייכן זיי אונזערע אויגן.

לאמיר זאגן צום ביישפיל אז איר גייט אריין אין א טונקלען צימער. איר זעט גארנישט. איר צינדט אן דעם לעקטער, און דאן זעט איר דעם זייגער אויף דער וואנט קעגנאיבער. וואס ס'האט יעצט פאסירט איז אז דער לעקטער האט ארויסגעגעבן א ליכט-שטראל וועלכער איז געפארן ביז'ן זייגער, און דאן איז עס צוריקגעשפרונגען ביז אייערע אויגן.

ס'הערט זיך זייער אינטערעסאנט, ווייל מיר זעען נישט אז ס'זאל נעמען צייט פון ווען דער לעקטער צינדט זיך אן ביז מיר זעען דעם זייגער. אבער די סיבה איז נישט ווייל ס'נעמט נישט קיין צייט במציאות, נאר ווייל די צייט וואס ס'נעמט איז נישט מער ווי א מיליאנסטל פון א סעקונדע, וויבאלד ליכט-שטראל פארן מיט אן אומגעהויערער שנעלקייט.[8]

דאס איז די סיבה פארוואס ווען עפעס געפינט זיך אין א טונקל ארט זעען מיר עס נישט. ווייל וויבאלד דער חפץ באקומט נישט קיין שטראלן וואס זאלן צוריקשפרינגען, איז נישט דא וואס אונזערע אויגן זאלן מקבל זיין. אבער ווען מיר זיצן אין א פינסטערן צימער קענען מיר זען ליכטיגע זאכן וואס געפינען זיך אינדרויסן, וויבאלד די שטראלן פון יענעם חפץ שיינען אריין אין דער טונקל. אדרבה, ווי מער פינסטער, אלץ בעסער קענען מיר זען די שטראלן וואס קומען אריינצופארן, אן ווערן



א בשר ודם האט באמת נישט קיין אייגענעם כח פון זען, נאר דאס אויג איז סך הכל א בית קיבול וואס באקומט די שטראלן וואס שפיגלען אפ. אבער איינמאל ס'איז טונקל און ס'איז נישט דא קיין שטראלן זעט מען גארנישט.

פארבלענדט פון אנדערע שטראלן וואס מישן זיך אויס מיט'ן אריינקומענדן שטראל.

יעדער חפץ וואס מיר זעען, באשטייט פון מיליאנען ליכט-שטראלן, וואס יעדעס איינע איז אן אנדערער קאליר, און אינאיינעם שטעלן זיי צוזאם דאס גאנצע בילד (ענליך צו פיקסלס פון א סקרין). די אלע ליכט-שטראלן גרייכן אונזערע אויגן, זיי קריכן אריין דורך דער לאך פונעם שווארצאפל, און לאנדן אויף דער רעטענע. די מיליאנען רעטענע צעלן כאפן אויף דעם קאליר פון יעדן שטראל און וואו אינעם בילד עס געפינט זיך, און פון דארט ווערט די אינפארמאציע אריבערגעפירט ווייטער צום מח צו ווערן אנאליזירט, און אזוי ארום זעען מיר יענע זאך.

## קאלירן – וואס איז דאס?

יעצט לאמיר פארשטיין: וויאזוי ווייסט די רעטענע צו פונאנדערשיידן איין קאליר פונעם צווייטן? אויב די רויטע בלום גיבט ארויס א ליכט-שטראל און די געלע בלום גיבט ארויס א ליכט-שטראל, וואס מאכט די ערשטע רויט און די צווייטע געל?

דער ענטפער איז אז דער שטראל פון יעדן קאליר איז אנדערש פון אלע אנדערע קאלירן. דאס הייסט אז א רויטער ליכט-שטראל איז אנדערש ווי א געלער ליכט-שטראל, און אזוי איז דער שטראל פון יעדן קאליר אייגנארטיג. דאס איז וויבאלד די שטראלן לויפן דורך אין דער לופטן דורך כוואליעס, ארויף און אראפ. פארשטייט זיך אז די כוואליעס זענען פיצל מיקראָסקאָפּיש, אבער די צעלן פון דער רעטענע ווייסן דאס אויפצוכאפן, זיי שפירן ווי שטארק די כוואליעס זענען, און לויט דעם ווערט באשטימט דער קאליר.

יעדער קאליר וואס מיר זעען קען זיין אדער אן איינצלנער שטראל, אדער צוזאמגעשטעלט פון מערערע שטראלן.[9] ווען מ'שטעלט צוזאם אלע שטראלן זיי זאלן שיינען אינאיינעם, דאן זעען מיר ווייס, גענצליך ליכטיג; אויף דער פארקערטער זייט אויב נעמען מיר ווועק אלע שטראלן, וועט ווערן שווארץ, טונקל. שווארץ איז בעצם נישט קיין קאליר, נאר שווארץ באדייט אז ס'איז נישט דא קיין שום קאליר. ווען א חפץ שפיגלט נישט אפ קיין שום ליכט-שטראלן און זיין ארום שפיגלט יא אפ, וועלן מיר זען דאס טונקעלע ארט אלס שווארץ.

דאס מיינט אז ווען מיר זעען א רויטע בלום, באדייט דאס אז יענע בלום שפיגלט אפ רויטע שטראלן, און ווען מיר זעען א געלע בלום, באדייט דאס אז די בלום שפיגלט אפ געלע שטראלן. דערפאר זעען מיר די ערשטע בלום אלס רויט און די צווייטע בלום אלס געל.

## איינגעזאפטע שטראלן און צוריקגעווארפענע שטראלן

אצינד אז מיר פארשטייען דעם יסודות'דיגן באדייט פון קאלירן, לאמיר גיין א טריט ווייטער. מיר ווייסן שוין פארוואס די רויטע בלום זעען מיר רויט און די געלע בלום זעען מיר געל, דאס איז צוליב די אנדערע שטראלן

---

**8.** א שטראל איז די שנעלסטע זאך וואס פארט אויף דער וועלט - אזוי שנעל, אז מיר קענען דאס קוים באגרייפן. אין איין סעקונדע פארט דער שטראל 186,000 מייל (300,000 ק"מ). דאס איז גענוג ארומצופליען די וועלט אכט מאל אין איין סעקונדע, אדער אנקומען כמעט ביז דער לבנה!

**9.** די קאלירן וואס מיר קענען זען זענען אינעם סדר פון די זיבן רעגנבויגן קאלירן: רויט, אראנזש, געל, גרין, בלוי, אינדיגא (טונקל בלוי), און וויאָלעט (א סארט פּורפּל). די רויטע שטראלן מאכן די גרעסטע כוואליעס, און די וויאָלעט שטראלן די קלענסטע. ס'זענען פאקטיש דא מער קאלירן - ד"ה שטראלן וואס פארמאגן גרעסערע כוואליעס ווי רויט אדער קלענערע ווי וויאָלעט - אבער מיר מענטשן קענען זיי נישט זען. די זיבן קאלירן פונעם רעגנבויגן ווערן אנגערופן דער "קאליר ספּעקטער". מ'קען עס אויך צעטיילן צו מער קאלירן, למשל אריינשטופן נאך א קאליר צווישן גרין און בלוי אדער צווישן אראנזש און געל. אבער געוויסע קאלירן געפינען זיך נישט אינעם קאליר ספּעקטער, אפילו מ'וועט עס שטארק צעטיילן. יענע קאלירן באשטייען פון מער ווי איין שטראל וואס שטעלט

# 2 די וואונדער פונעם אויג

וואס זיי שפיגלען אפ. אבער פארוואס טאקע שפיגלען זיי אפ אנדערע שטראלן? די זון שיינט אויף ביידע בלומען אייניג, איז ווי קומט דאס אז זיי ווארפן צוריק אנדערע סארט שטראלן?

און בעצם קען מען פרעגן נאכמער: די זון שיינט מיט ווייסע שטראלן. אויב אזוי וואלט דאך אלעס אונטער'ן הימל געדארפט זיין ווייס, נאכדעם וואס זיי ווארפן צוריק די שטראלן וואס זיי באקומען פון דער זון?

און וויאזוי איז מעגליך אז עפעס זאל זיין שווארץ, לויט ווי מיר האבן ערקלערט אז שווארץ באדייט ס'שיינט גארנישט פון זיך? אז ער באקומט דעם שטראל, וואס טוט ער מיט דעם אויב ער שיינט עס נישט צוריק?

דער הסבר אויף דעם איז אז געוויסע חפצים זאפן איין חלקים פון די שטראלן און שפיגלען זיי נישט אפ.

לאמיר רעדן טאקע פון א שווארצן חפץ. א שווארצע זאך זאפט איין אלע שטראלן וואס ווערן געשיינט אויף אים, און שפיגלט גארנישט אפ. ווען איר גייט אין גאס מיט א שווארץ רעקל און די זון שיינט אויף דעם, וועט דאס רעקל אריינעמען אין זיך אלע זונשטראלן און גארנישט צוריקשפיגלען. א ווייסער חפץ, ווידער, שפיגלט אלעס אפ. דער גאנצער שטראל וואס שיינט אויף אים ווערט צוריקגעשפיגלט. דערנאך זענען אלע אנדערע קאלירן, וועלכע צעטיילן די שטראלן וואס די זון שיינט, א חלק זאפן זיי איין און א חלק שפיגלען זיי אפ.

דאס מיינט אזוי: די זון גיבט ארויס ווייסע שטראלן. ווי מיר האבן שוין ערקלערט, א ווייסער שטראל איז צוזאמגעשטעלט פון אלע קאלירן שטראלן - אלע שטראלן שיינען אינאיינעם, און צוזאמען פארמירן זיי דעם קאליר ווייס. יעצט יעדער מאטעריאל אין דער וועלט פארמאגט זיין אייגענע נאטור וואספארא שטראלן ער זאפט איין און וואספארא ערווארפט צוריק. ווען עפעס זאפט איין אלע שטראלן חוץ רויט, וועט עס צוריקווארפן בלויז די רויטע שטראלן, און מיר וועלן זען די זאך אלס רויט. ווען ס'זאפט איין אלעס חוץ געל, וועלן מיר זען עס געל. און אזוי ווייטער איז מיט יעדן קאליר. חוץ אויב זאפט עס גארנישט איין, וואס דעמאלט זעען מיר עס אלס ווייס, אדער ווען ס'זאפט אלעס איין, וואס מיר זעען אלס שווארץ.[10]

דאס מיינט אז ס'איז קאפויער פון וואס ס'זעט אויס פאר אונז. די רויטע בלום איז נישט רויט, נאר פונקט פארקערט, ס'נעמט אריין אלע שטראלן נאר נישט רויט, און דערפאר קענען מיר זען די רויטע שטראלן. און אזוי יעדער קאליר באדייט אז יענער חפץ שפייט אויס דעם קאליר שטראל.

דערפאר קען מען גרינגער פארשטיין פארוואס געוויסע מענטשן זענען קאליר-בלינד, זיי כאפן נישט אויף ריכטיג געוויסע קאלירן. דאס איז צוליב דעם וואס זייערע רעטענע צעלן לערנען נישט ריכטיג אפ געוויסע קאליר כוואליעס, און טייטשן עס אויס גרייזיג.



> בעצם איז די גאנצע לופט וואס טיילט אפ צווישן דעם מענטש און דעם חפץ אויך וואס ער קוקט אנגעפילט מיט'ן בילד אויף וואס מ'קוקט. דער מענטש מיט זיינע אויגן עפנט פשוט די טיר אריינצונעמען דאס בילד צו זיך, און האט דעם חוש דאס אויפצוכאפן.

ס'איז נישט דא דער פלאץ אריינצוגיין אין אלע טיפע חשבונות וועלכע שטראלן ווערן איינגעזאפט און צוריקגעווארפן. דאס אלעס האט צוטון וויאזוי די אטאמען פון יעדן מאטעריאל רעאגירן צו די פארשידענע סארט ליכט כוואליעס. אזוי אויך איז גאר טיף די מאטעמאטישע חשבונות וויאזוי דאס אויג כאפט אויף און שטעלט צוזאם אלע סארטן קאלירן.

און אייגנטליך איז עס נישט בלויז די קאלירן, נאר אויך די ווייטקייט פון יעדער זאך - ווייל ווען מיר זעען עפעס, ווייסן מיר אפצושאצן ווי ווייט דער חפץ געפינט זיך. דערנאך איז די מאס פון יענער זאך און די פארשידענע פארמען. ווען מיר זעען א פאנאראמע, נעמט דאס אריין אומצאליגע חשבונות און וואונדער איבער וואונדער וויאזוי דער מח שטעלט צוזאם דאס גאנצע בילד דורך די שטראלן וואס שיינען אין ריכטונג פון די אויגן. מ'קען ארויסגעבן גאנצע ביכער אויף דער טיפער חכמה וואס ליגט אין יעדן פרט און פרט. און דאס אלעס "זעען מיר" אין א ברוכטייל פון א סעקונדע!

אט דאס אלעס פארקערפערט זיך אין **איין בליק** פון א מענטש. דאס פאסירט מיט אונז יעדע רגע פון טאג, פון ווען מיר עפענען די אויגן אינדערפרי ביז מיר מאכן זיי צו ביינאכט; 16 שעה א טאג, 60 מינוט א שעה, 60 סעקונדעס א מינוט!

מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַ - דורך אונזער קערפער קענען מיר זען דעם אויבערשטן! דער מח קען צעשפרונגען ווערן ווען מיר זענען זיך מתבונן וויפיל וואונדער ס'פאסירט מיט אונז יעדע רגע וואס מיר עקזיסטירן. דאס אלעס איז מיט א נאכאנאנדער השגחה דורך בורא ומנהיג, וועלכער גיבט אונז חיות יעדע סעקונדע און פלאנירט אויס יעדן בלינק מיט'ן אויג מיט זיינע ביליאנען דעטאלן! מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ!

## דאס בילד קומט צום אויג

די אלע זאכן וואס מיר האבן געשריבן זענען נישט קיין בלויזע טעאריעס, נאר אזוי איז ערקלערט אין אסאך ספרי קודש, און להבדיל איז אזוי אנגענומען ביי די חכמי הטבע היינט צוטאגס.

אין **מדרש שמואל**[11] איז ער מסביר אז דאס אויג האט נישט קיין אייגענע זע-קראפט, נאר איז בלויז א מקבל. און דאס איז די סיבה פארוואס מ'זעט נישט אין דער טונקל, נאר ווען די זון אדער א ליכט שיינט, וויבאלד נאר דעמאלט זענען דא די שטראלן וואס זאלן ברענגען פאר'ן אויג דאס וואס ער זעט, ווידער ווען ס'איז נישט דא די שטראלן קען דער מענטש נישט זען, ווייל דאס אויג האט נישט קיין שום אייגענעם כח פון זען. דערפאר ווען

המשך אויף זייט 8

צוזאם יענעם קאליר. למשל ברוין איז נישט אינעם קאליר ספעקטער; דעם קאליר ברוין זעען מיר ווען ס'איז דא רויט און גרין אינאיינעם. אזוי אויך פינק איז נישט אינעם קאליר ספעקטער, נאר ווערט געשאפן דורך רויט און וויאָלעט.

**10.** דערפאר ווייסן מיר אז שווארץ ציט צו זיך היץ, וויבאלד ער זאפט איין אלע שטראלן - ד"ה אלע היץ - און ער שפייט גארנישט צוריק אויס. ווידער ווייס איז דער מערסט-קילער קאליר, וויבאלד ער נעמט גארנישט אריין און זיך, ער ווארפט אלעס צוריק. אזוי זענען אלע קאלירן, ווי מער ליכטיג אלץ קילער, און ווי טונקעלער אלץ הייסער. דאס איז ווייל ווי מער טונקל מיר זעען עס, איז פשט אז דער חפץ זאפט איין א גרעסערן פראצענט פון די שטראלן וואס ווערן געשיינט אויף אים.

ס'הערט זיך אפשר חידוש'דיג אז א ווייסער שטראל איז צוזאמגעשטעלט פון אלע קאלירן, אבער מיר קענען זיך דאס זייער גרינג איבערצייגן: יעדער האט שוין אוודאי באמערקט אז די קריסטאלן פון א הענגלייכטער שפיגלען אפ אלע קאלירן. ווי קומט עס צו א קריסטאל אונטער א געלן אדער ווייסן לאמפ צו שיינען רויט און בלוי?

דאס קומט וויבאלד דער לאמפ שיינט פאקטיש בלוי און רויט און אלע אנדערע קאלירן. מיר זעען עס נישט, ווייל זיי אלע גיסן זיך צונויף און פארמירן אינאיינעם א ווייסן שטראל. אבער די שפיציגע קריסטאלן פונעם הענגלייכטער זענען בכח צו צעברעכן דעם שטראל, און זיי ווערן צעווארפן אין זייערע אריגינעלע קאלירן. דאס איז אויך וויאזוי ס'פאסירט א רעגנבויגן, ווען די זון שיינט אויף פארנעפלטע לופט וואס איז אנגעפילט מיט מיליאנען וואסער טראפעלעך, און דער פארעם פון די רעגן טראפנס ברענגען דערצו אז די שטראלן זאלן צעבויגן ווערן און זיך צעגיסן אין די



# דאס בילד - א חלק פונעם מענטש

## א מענטש ווערט מחובר מיט'ן בילד אויף וואס ער קוקט

ווען מיר הערן וויאזוי דער חוש הראיה ארבעט, אז דאס בילד קומט במציאות אריין אינעם מענטש דורך די אויגן, ברענגט אונז דאס צו פארשטיין די הארבקייט פון א ראיה אסורה, און וואספארא פגם דאס איז גורם אויפ'ן מענטש. ס'איז נישט סתם געכאפט א בליק און געגאנגען ווייטער, נאר דער מענטש ווערט פאקטיש באהאפטן צו דער זאך אויף וואס ער קוקט, ער נעמט עס פיזיש אריין אין זיינע אויגן, און ווען ס'רעדט זיך פון אן אומריינער מראה באדייט דאס אז ער ברענגט אריין די טומאה אריין אין זיך ח"ו.

אין **ספר מלכיאל**[1] נשרייבט ער אז בעצם איז די גאנצע לופט וואס טיילט אפ צווישן דעם מענטש און דעם חפץ אויף וואס ער קוקט אנגעפילט מיט'ן בילד אויף וואס מ'קוקט. דער מענטש מיט זיינע אויגן עפנט פשוט די טיר אריינצונעמען דאס בילד צו זיך, און האט דעם חוש דאס אויפצוכאפן.

א ראיה צו דעם, זאגט ער, קען מען זיך איבערצייגן ווייל ווען ס'איז דא א דורכזיכטיג גלאז, וועט דאס בילד דורכגיין צו דער צווייטער זייט. אבער אויב שטעלט מען א טונקעלע זאך פון הינטן, וועט דאס גלאז פארוואנדלט ווערן אין א שפיגל, און וועט כאילו אריינכאפן דאס בילד ס'זאל נישט קענען גיין ווייטער, נאר וועט זיך צוריקשפיגלען אינעם גלאז.

דאס ווייזט אז בעצם איז די גאנצע לופט אנגעפילט מיט דער מראה, און כל זמן ס'איז נישט דא עפעס וואס זאל אפשטעלן דאס בילד לויפט עס ווייטער. אבער ווי נאר ס'קומט עפעס - א חפץ צי א מענטש - וואס נעמט אריין דאס בילד אין זיך, שטעלט זיך עס אפ דארט.

אין **שם משמואל**[2] שטייט אז "ראיה" איז א לשון פון "חיבור" - באהעפטן. וויבאלד דער חוש הראיה האט א ממשית'דיגן כח, און ווען א מענטש קוקט אויף עפעס ווערט ער ממש באהאפטן מיט יענער זאך.

אז מ'טראכט אריין אין זיינע ווערטער, כאפט א פחד. יעדע זאך אויף וואס א מענטש קוקט, געפינט זיך דאס בילד ממש אין זיינע אויגן, און ער ווערט איינס מיט דעם וואס ער זעט! נישט אומזינסט זאגן **חז"ל**[3] "הנואף בעיניו נקרא נואף".

ענליך שטייט אין **דברי שמואל**[4] אז ווען מ'קוקט אויף עפעס, שעפט מען ארויס חיות פון יענער זאך און מ'נעמט דאס אריין אין זיך, און דערפאר איז עס אזוי מטמא דעם מענטש וואס קוקט.

## יעדע מראה ווערט איינגעקריצט אין די אויגן

נאכמער שרייבן די ספרים הק', אז אלעס וואס א מענטש קוקט ווערט בפועל איינגעקריצט אין זיינע אויגן. ווי דער **גר"א זצ"ל** האט אמאל געזאגט:[5] "אין די אויגן פון א מענטש זענען איינגעקריצט אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטון יעדן טאג פון זיין לעבן, און דאס ווייזט מען אים איידער ער גייט ארויף אויפ'ן עולם האמת."

דער גרויסער גאון **בעל שואל ומשיב זצ"ל**[6] ברענגט א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט בימיו, אז די פאליציי האט געזוכט נאך א געוויסן מערדער, אבער אן ערפאלג. איז געקומען איינער א גרויסער אויגן דאקטער, און ער האט פארשפראכן אז ער קען דערגיין ווער דער רוצח איז. דער דאקטער האט גענומען א ספעציעלע פארגרעסערונג-גלאז, און שטארק ארייגעקוקט דערמיט אין די אויגן פונעם דערמארדערטן מענטש. נאך א קורצער צייט איז ער אויפגעשפרונגען, זאגנדיג אז ער האט געטראפן דאס בילד פונעם מערדער אין יענעמ'ס אויג. מ'האט חוקר ודורש געווען די זאך, און ס'האט זיך ווירקליך ארויסגעשטעלט אז ער איז דער רוצח!

דאס זעלבע געפינען מיר אויך אין **שו"ת בית יצחק**[7] וואו ער איז דן איבער א נייער המצאה פון דער פאליציי, אז זיי קענען זען אינעם שווארצאַפל פון אן ערמארדעטן מענטש ווער ס'האט אים גע'הרג'עט. ווי ער איז מסביר, איז דאס וויבאלד יעדע מראה וואס א מענטש זעט ווערט אריינגעקריצט אין זיינע אויגן, דעריבער קען מען זען די צורה פונעם רוצח, זייענדיג די לעצטע זאך וואס דער נרצח האט געזען איידער ער איז גע'הרג'עט געווארן.

פון זייערע הייליגע ווערטער לערנען מיר אז יעדע הסתכלות וואס דער מענטש קוקט ווערט אריינגעקריצט אינעם אויג. מיט דעם שלעפט זיך דער מענטש ארום אויף טריט און שריט. און אויב איז דאס ח"ו א ראיה אסורה, איז דער פגם און בושה זייער גרויס. נורא נוראות!

ווי אנדערש הערט זיך די פארכטיגע ווערטער פונעם **ראשית חכמה**[8] אז אויב קוקט מען חלילה אויף א ראיה אסורה, איז דאס אזוי ווי מ'ברענגט אריין אן ערוה אין אן הייליג ארט, וויבאלד די מראה גייט אריין אינעם מענטש דורך די אויגן וואס זיי זענען מיט'ן כח פון דער נשמה. און ווי **הגה"ק ר' חיים וואלאזשינער זצ"ל** דריקט זיך אויס,[9] אז דאס איז ערגער ווי טיטוס הרשע וואס האט אריינגעברענגט א זונה אינעם קודש הקדשים רח"ל. פארשטייט זיך אז מדה טובה מרובה, און אויב קוקט מען אויף הייליגע זאכן, ווערן די אויגן נתקדש און ס'ברענגט א מענטש העכער און נענטער צום בורא כל עולמים.

---

**1.** ספר קדמון **לרבי מלכיאל יחזקיה בן אברהם**, עמוד י-יא, דבריו הובאו ע"י **השל"ה הק'**.

**2.** פרשת לך שנת תער"ד: "ראיה הוא לשון חיבור, כידוע מענין חוש הראות שהוא התחברות כח הראיה בדבר הנראה".

**3.** **מדרש רבה** (ויקרא כג, יב). וכ"כ **בחרדים** (מצוות ל"ת התלויות בעין). **ובמסכת כלה** (פרק א) "כל המסתכל באשה בכוונה כאילו בא עליה".

**4.** סלאנים, פשת בא ד"ה אל תוסף. וע"ע כמה מקורות לזה בספר **קדושת עינים** (פרק ט ענף ג).

**5.** **אבן שלמה** (פרק י אות כב).

**6.** **דברי שאול** (מהדורא קמא השמטות לפרשת בלק, ד"ה וירא).

**7.** **להגאון רבי יצחק יהודא שמעלקיש זצ"ל** (אבה"ע סימן פ"ז אות ד').

**8.** **שער הקדושה** (פרק ח): "העינים אינם רואים אלא מכח הנשמה, ונמצא כח הנשמה יוצא לחוץ וקולט הדבר ההוא ומתדמה במוח המיון, ואם יהיה הדבר שהסתכל ערוה, הרי הכניס ערוה במקום גבוה".

**10.** **נפש החיים** (שער א פרק ד).

# הלכות התרחקות מנשים

## וואס טרעפט זיך אין די ימי החנוכה

### להתרחק מהנשים מאוד מאוד

**א.** עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך[א]: **"צריך אדם להתרחק מהנשים מאוד מאוד"** - א מענטש דארף זיך דערווייטערן פון פרעמדע פרויען גאר, גאר שטארק. די פוסקים[ב] מערקן אן אז כאטש וואס געוועהנליך שטייט נישט אין שלחן ערוך אזא לשון, "מאוד מאוד", דא אבער, ביי התרחקות פון עריות, שרייבט דער מחבר דעם זעלטענעם אויסדרוק, וויבאלד ס'איז דא אויף דעם זייער שטארקן יצר הרע, דעריבער דארף מען זיך דערווייטערן ביי דעם מערסטע וואס איז שייך.

### קרובי משפחה / שוועגערינ'ס / קאזינס

**ב.** אלע הלכות פון התרחקות מנשים גייט אן אפילו ביי די אייגענע קרובים, ווי א שוועגערין, קאזין, אד"ג, וויבאלד על פי הלכה ווערן זיי פארעכנט ווי פרעמדע נשים. די איינציגע קרובים וואס זענען אנדערש זענען א מאמע, א באבע, א שוועסטער,[ג] א טאכטער, און אן איניקל.[ד]

**ג.** דער **חיי אדם** שרייבט[ה] אויפ'ן ענין פון התרחקות ביי קרובים: "ס'זענען דא אסאך מענטשן וואס מיינען אז ווי נענטער מ'איז צו א פרוי, אלץ מער קען מען מקיל זיין אין די הלכות, ס'איז אבער ח"ו נישט אזוי; אדרבה, ווי נענטער מ'איז אלץ מער דארף מען זיך דערווייטערן פון איר, און כל שכן אויב איז מען היימיש מיט איר. און ס'איז א מצוה דאס מפרסם צו זיין פאר'ן המון עם

### שחוק וקלות ראש / שפילן א געים

**ד.** חכמינו ז"ל האבן גע'אסר'ט פארשידענע זאכן אין כלל פון התרחקות מנשים. איינע פון די זאכן וואס ווערן אויסגערעכנט אין **שלחן ערוך**[ו] איז "שחוק וקלות ראש", דאס מיינט אז מ'טאר נישט ארומלאכן אדער זיך אויפפירן לייכטזיניג אינאיינעם מיט א פרעמדע פרוי.

**ה.** שפילן א געים גייט אויך אריין אינעם כלל פון "שחוק וקלות ראש"[ז], דעריבער טאר מען נישט שפילן ביי א חנוכה מסיבה מענער און פרויען אינאיינעם.

### ווינקען / שמייכלען / צייגן מיט די האנט

**ו.** נאך אז זאך וואס חז"ל האבן גע'אסר'ט איז "קריצה ורמיזה", דאס מיינט אז מ'טאר זיך נישט ווינקען מיט א פרעמדע פרוי אויף א וועג וואס דריקט אויס פריינטשאפט אויף סיי וועלכן אופן, ווי בלינקען מיט די אויגן, שמייכלען צווישן זיך, צייגן מיט דער האנט, אד"ג.[ח]

### מאכן א מחיצה

**ז.** אויף א פלאץ וואו ס'קומען זיך צוזאם מערערע מענער מיט פרעמדע פרויען אינאיינעם, איז מען מחויב על פי הלכה צו לייגן א מחיצה וואס זאל אפטיילן צווישן זיי.[ט]

### יעדע זאך וואס ברענגט צו א הרהור

**ח.** כאטש וואס אין חז"ל און אין שלחן ערוך ווערן אויסגערעכנט פארשידענע זאכן אלס התרחקות מנשים, שרייבן די פוסקים אז יעדער מענטש וועט ווייסט ביי זיך אויף א געוויסער זאך אז דאס קען אים ברענגען צו הרהורים, אדער צו נאנטקייט, איז ער מחויב זיך צו דערווייטערן דערפון, ווייל מ'קען נישט אויסרעכענען אלעס, דעריבער האבן חכמינו ז"ל אויסגערעכנט א חלק פון די הרחקות וואס מ'דארף מאכן, און אויסער דעם דארף יעדער ווייסן ביי זיך וואס ס'ברענגט אים שלעכטע מחשבות און זיך דערווייטערן דערפון.[י]

---

**א. שלחן ערוך** אבה"ע (סי' כא ס"א).

**ב. בית שמואל** (שם סק"א) "לפי שנפשו של אדם מחמדתן לכך כתב מאוד מאוד". וכ"כ **ביפה לבב** ח"ה שם.

**ג.** מלבד חיו"נ שזה אסור גם באחותו, כמבואר **בשו"ע** (שם ס"ז), ודין קול באשה יבואר במקום אחר בס"ד.

**ד. שלחן ערוך** אבה"ע (שם ס"ז), **לבוש** (אבה"ע שם). וז"ל **ברכי יוסף** מחזיק ברכה (או"ח סי' תר"ג סק"א), "כל אשה שהיא אסורה עליו אסור בה ככל הנשים, וחוץ מאחותו ואמו ובתו כולם שוות באיסור". וכ"כ **בהגהות היעב"ץ** (מגילה לא:): "מה שביטלו אנשי כנסת הגדולה יצרא דעריות במקצת, לא אהני אלא לקריתביה, דהיינו אמו ואחותו ובתו ודכוותיהו, דמשום קורבה דידיה, ואכתי איכא אשת איש, חמותו וכלתו ואחות אשתו דלא נתבטל היצה"ר".

**ה. חכמת אדם** (כלל קכה ס"א): "לפי שראיתי ושמעתי מהרבה בני אדם שהם עם הארצים וחושבים שכל הקרוב יותר מותר וכו', כאילו היא אשתו, וחס ושלום, ומצוה לפרסם, דאדרבה כל הקרוב קרוב יותר צריך להתרחק וכו', ולכן צריך האדם ליזהר מאד ומכל שכן מאלו שלבו גס בהן", עכ"ל.

**ו. שלחן ערוך** (שם): "ואסור לשחק עמה להקל ראשו כנגדה". ועיין בספר **לבושה של תורה** (פאלק, סימן עט אות ג-ד) שדן דהא לכאורה גם בלא נשים אסור שחוק וקלות ראש, כמבואר באבות (פ"ג מי"ג), ומאי שנה כאן. ותירץ דבנשים החמירו יותר שאפילו בסוגי שחוק וקלות ראש שבעלמא מותר, כגון שחוק מיעוט שאינו ממלא פיו שחוק, או קלות ראש מיעוט, כגון ששוכב על הסאפע וכדומה, בכל זה אסור כשהוא בפני הערוה. ומקור הדין הוא **ממשנה דאבות** (פ"ג מי"ג) "שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה" (כן ציין בהגהות הגר"א), וכתב שם **הרבינו יונה**: "אבל כובד ראש ויראה הם סייג לעריות".

**ז. ערוך השלחן** (אבה"ע סי' כב אות י"ח): "לפיכך ראוי לו לאדם לכוף יצרו בדבר זה ולהרגיל עצמו בקדושה יתירה ובמחשבה טהורה ובדעה נכונה כדי להינצל מהן. ויזהר מן היחוד שהוא הגורם הגדול, וכל שכן מהטיול עם הנשים ומלשחוק עמהם בקוביא". וכן מבואר **בשיעורי שבט הלוי** (יו"ד סי' קצה ס"ב), דלשחוק געי"ם הוא בכלל שחוק וקלות ראש.

**ח. שלחן ערוך** (אבה"ע שם): "ואסור לקרוץ בידיו או ברגליו ולרמוז בעיניו לאחד מהעריות". ומה שכתבנו שגם שמייכלען בכלל קריצה, כ"כ בישראל קדושים (פרק בדיני התרחקות מנשים). וקריצה ורמיזה שהוא לצורך דבר מסיום ולא בדרך חיבה וקירבה, מצדד **בשו"ת באר משה** (ח"ד ס"ו אות ו) להיתר, וזה לשונו: "הא דאסור לקרוץ בידיו ורגליו ולרמוז בעיניו היינו אם עושה זה בדרך חיבה, אבל בלאו הכי אם מרמז לה לדבר חול סתם שלא בדרך אהבה, בודאי לא אסרי לכולי עלמא לא מדאורייתא ואפשר גם לא מדרבנן", עכ"ל ועיי"ש עוד. וכבר מצינו כזה **בפירוש המשניות להרמב"ם** (סנהדרין פרק ז') וז"ל: "והקריצה בעין במתכוין להנאת כל זה אסור וכו'", עכ"ל. הרי שאין האיסור אלא במתכוין להנאה.

**ט. גמרא קידושין** פא., **סוכה** נא:, **שלחן ערוך** או"ח (סי' תקכ"ט ס"ד) "לא יתקבצו לאכול ולשתות אנשים ונשים ויבואו לידי עבירה, וכן יזהרו בדבר זה לכן העם כדי שלא יתערבו אנשים ונשים בבתיהם לשמחה". ועיין **בשו"ת מקדש ישראל** לחנוכה סי' ט' שהאריך לבאר כיצד יש להתנהג בדיני מחיצה אצל מסיבת חנוכה שהסבא עורך לכל משפחתו. וע"ע מזה **בשו"ת דברי יואל** סי' י', **שו"ת שבט הלוי** ח"א סי' כט וח"ח סי' רפא, ובמכתב המובא בספר **מעשה איש** ח"ד עמ' קכד.

**י. ספר החינוך** (מצוה קפח): "כלל הדבר הוא שלא יעשה שום דבר בעולם המביאו לידי הרהור בנשים, לא במעשה ולא בדיבור ולא שום רמז לקרב דעת האשה הקלה אל דעתו וכו'. ואין באפשר להגיד פרטי הענינים שידע האדם לעשות לקרב אליו דעת האשה שהוא קל, ולכן הזהירו ז"ל מהם קצת, ובשאר יזהר כל אחד ואחד לשמור עצמו לפי מה שימצא את גופו, כי ה' יראה ללבב", עכ"ל.

# א שליחות אין באסטאן

לכבוד מערכת טהור עינים.

איך בין א פשוט'ער ארבעטער, וואס מ'וואלט היינט גערופן אן "עווירדזש יונגערמאן". איך האב מיינע קביעות עתים לתורה, איך פרוביר צו האנדלען ערליך און ברענגען פרנסה אין שטוב, און טון וואס א איד דארף טון. איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז איך וועל אמאל נעמען א פענע אין האנט און שרייבן מיין געשיכטע. אבער דער רבש"ע האט געפירט זאכן אנדערש ווי איך האב געקלערט מיט מיין קליינעם פארשטאנד, און איך שפיר א פליכט מיטצוטיילן מיט אנדערע וואס איך בין אריבער.

ס'האט זיך אלעס אנגעפאנגען איין מוצאי שבת דעם פארלאפענעם זומער, ווען מיר האבן באמערקט עפעס אומשטייגערליך אויף אונזער צוויי-יעריג טאכטערל. מיר זענען געגאנגען צום דאקטער, וועלכער האט אונז געשיקט ווייטער צום שפיטאל פאר אונטערזוכונגען. די טעסטן האבן געוויזן אז זי ליידט אויף א מחלה ביים הארץ ה"י, און זי וועט דארפן דורכגיין א שווערע אפעראציע.

מיר האבן זיך שנעל פארבונדן מיט חשוב'ע עסקנים, אינאיינעם מיט דער בארימטער ארגאניזאציע "חיים מעדיקל", און מ'האט אויסגעארבעט וועלכער שפיטאל ס'איז דער בעסטער צו מאכן אזא אפעראציע. צום סוף איז באשלאסן געווארן איך זאל פארן קיין באסטאן.

ס'איז נישט געווען קיין לייכטע זאך. מיר האבן געדארפט וויילן אין באסטאן פאר כמעט זעקס וואכן. מיר האבן צעטיילט די קינדערלעך, און זיך ארויסגעלאזט מיט אונזער קליין מיידל קיין באסטאן, האפנדיג צום אויבערשטן אז אלעס זאל זיך אויסלאזן צום גוטן, מיר זאלן צוריקקומען בקרוב מיט א געזונט קינד.

דאס זיין פארנומען מיט די אלע מעדיצינישע זאכן האט מיך אינגאנצן צערודערט, און דערנאך איז געקומען דער טלטול הדרך און זיך מסדר זיין אין א פרעמדן פלאץ. אבער נאך שווערער איז געווען דאס וויילן אין באסטאן זעלבסט. איך האב יעדן טאג געדארפט גיין אין שפיטאל איינס אדער צוויי מאל, איך האב גערעדט מיט דאקטוירים און ערלעדיגן אלע פארמאליטעטן, אא"וו. דורכאויס דער צייט האב איך נישט געקענט געהעריג ארבעטן, און ס'האט שטארק אפעקטירט מיין גאנצן מצב רוח.

איך האב מיך אבער כסדר פרוביר מחזק זיין אז דאס איז דער רצון ה', און זיכער פארמאג איך עפעס א תפקיד פארוואס איך בין דא. מיר ווייסן דאך פונעם בעש"ט הק' אז ווען א איד קומט אן אין א פארווארפן ארט, איז עס א שליחות פון הימל צוליב עפעס וואס ער דארף דארט אויפטון. מיר ווייסן נישט די הימלישע חשבונות, אבער ס'איז זיכער לטובה די גאנצע דורכגאנג.

דא איז אבער אונטערגעקומען א נייע שוועריגקייט. זייענדיג אין די זומער חדשים אויף די באסטאנער גאסן, האב איך מיך יעדן טאג באגעגנט מיט



אבער דא האב איך מיך געטראפן איינער אליין ארומגענומען מיט שווערע נסיונות פון אלע זייטן, דער קאפ איז נישט אויפ'ן פלאץ, דער רוטין איז אינגאנצן צעשטערט, און אזוי דארף איך דאס דורכמאכן טאג נאך טאג, וואך נאך וואך. איך האב ממש געשפירט ווי איך טראג עס נישט דורך

געפערליכע פריצות און זוהמא - ס'איז נישט צופיל אנדערש ווי מאנהעטן. אפילו סתם אזוי זענען די נסיונות געווען שווער, אבער דא האב איך מיך געטראפן איינער אליין ארומגענומען מיט שווערע נסיונות פון אלע זייטן, דער קאפ איז נישט אויפ'ן פלאץ, דער רוטין איז אינגאנצן צעשטערט, און אזוי דארף איך דאס דורכמאכן טאג נאך טאג, וואך נאך וואך. איך האב ממש געשפירט ווי איך טראג עס נישט דורך, ס'איז געווען ביטער שווער.

נאכמער האט מיר געבאדערט די שאלה, וואס וויל דער רבש"ע פון מיר? מילא די שוועריגקייטן וואס איך גיי דורך מיט מיין טאכטערל איז זיכער לטובה, ווער ווייסט וואס איך קום אפ דערמיט, וואספארא הימלישע חשבונות זענען דא פארבארגן. אבער פארוואס האב איך די אלע נסיונות? וואספארא גוטס קען ארויסקומען פון דעם, און וויאזוי קען איך מיך ספראווען מיט זיי? די שאלות האבן מיך שטארק געעגבערט.

איין טאג באקום איך אן אימעיל פון "טהור עינים". ס'איז געווען דער גליון "אן אפגעהיטענער זומער". איך בין גלייך אויפגעשפרונגען. אפשר איז דאס וואס איך זוך אזוי שטארק? מעגליך וועל איך דא קענען טרעפן חיזוק אין מיינע נסיונות?

איך האב דורכגעלייט דעם מאמר, און ס'האט מיך ממש באנומען. ס'איז געווען ארויסגעברענגט ווי די אלע נסיונות וואס קומען זענען גרויסע אוצרות וואס דער רבש"ע שיקט פאר א מענטש, און מיט יעדן נסיון וואס מ'שוויצט דורך איז מען זוכה צו גאר א גרויסן שכר. "א גרויסער נסיון," האב איך מיך געטראפן ליינען, "איז ווי א גרויסע אינוועסטמענט וואס קומט נישט אונטער יעדן טאג, און מ'קען דארט פארדינען מיליאנען אויפאמאל. מ'דארף אנקוקן די נסיונות ווי מתנות וואס דער רבש"ע שיקט אונז..."

דער שמועס האט גערעדט צום פינטל פון מיין הארץ. איך האב געטוישט גענצליך מיין בליק אויף די נסיונות. איך האב פלוצלינג אנגעהויבן פארשטיין אז די אלע נסיונות זענען א חלק פון דער קייט פון באהאלטענע חסדים וואס דער בורא כל עולמים טוט מיט מיר אין דער תקופה, און דאס איז פאר מיין אייביגער טובה בזה ובבא. פון יענעם טאג איז ווייטער בין איך געגאנגען אויף די באסטענער גאסן מיט א צווייטן געפיל; איך האב פארשטאנען ווי יעדעס מאל וואס איך גיי אריין און ארויס פון שפיטאל האב איך א וויכטיגן תפקיד - איך פיר דורך גרויסע ביזנעס געשעפטן, צו כאפן ריזיגע זכותים דורך שמירת עינים!

~

אסאך מעשיות ענדיגן זיך מיט א שיינעם מופת, אז מ'האט פארדינט געלט אדער מ'האט געהאט א ישועה. אבער אז מ'טראכט אריין, וואס איז דען ווערד אפאר נישטיגע דאלארן קעגן דעם נצחיות'דיגן שכר פון שמירת עינים? און אפילו נאר פאר'ן גוטן געפיל אז מ'טוט דעם רצון הבורא האט זיך שוין אלעס געלוינט!

די ענדע פון דער מעשה איז אז איך בין געווארן א גרויסער עושר. איך האב געשארט ביליאנען אויף די באסטאנער גאסן, וואס דאס גיב איך נישט אוועק פאר כל הון דעלמא!

(-)



המשך פון זייט 4

דער שטראל קומט פון א ליכט, וועט די שיין נישט גיין אויף אזוי ווייט, און דער מענטש וועט נאר זען זייענדיג נאנט צום ליכט.

דער **אלשיך הקדוש**[12] טייטשט דערמיט דעם פסוק אין דניאל (ב, כב) וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא - ביים אויבערשטן רוט די ליכטיגקייט. ווייל א בשר ודם האט באמת נישט קיין אייגענעם כח פון זען, נאר דאס אויג איז סך הכל א בית קיבול וואס באקומט די שטראלן וואס שפיגלען אפ, אבער איינמאל ס'איז טונקל און ס'איז נישט דא קיין שטראלן זעט מען גארנישט. ווידער הקב"ה כביכול האט אן עצמיות'דיגן כח פון זען וואס האט גארנישט צוטון מיט די משיגי הגוף, און זעט ער אפילו אין דער טונקל.

אין די **ספרי הקדמונים**[13] ווערט געברענגט אז דאס איז געווען די שיטה פון אריסטו אז דאס בילד קומט צום אויג, אנגעבנדיג צו דעם א משל ווי א שטיין וואס פאלט אריין אין א גרויסן ים, וועט זיך מאכן א רינג ארום דעם פלאץ וואו דער שטיין איז אריינגעפאלן, דערנאך נאר א רינג און נאך א רינג, אלץ גרעסער און גרעסער. דאס זעלבע ווערט דאס בילד כמו איינגעקריצט אין דער לופט ארום זיך, און פון דארט גייט עס אלץ ווייטער און ווייטער ביז ס'גרייכט דעם מענטש (ווי מ'ווייסט היינט אז דאס פאסירט דורך די ליכט-שטראלן).

אין ספר **שבילי אמונה**[14] שרייבט ער אז דאס איז די סיבה פארוואס ווען מ'קוקט אויף א ליכטיגער זאך, אדער אויב מ'קוקט אויף איין קאליר א לענגערער צייט, וועט מען בלייבן זען דעם קאליר אפילו נאכדעם וואס מ'מאכט צו די אויגן. דאס איז וויבאלד דער קאליר ווערט שטארק איינגעזאפט אין די אויגן, און האקט זיך נישט אפ גלייך, נאר מ'בלייבט עס נאך זען עטליכע סעקונדעס נאכ'ן פארמאכן די אויגן.

---

קאלירן.

**11.** אבות פ"ב מ"א וז"ל: "העין שלך אינו רואה אלא הוא כלי מוכן לקבל הראות, ולכן אין אתה רואה באישון לילה ואפלה אלא בעוד השמש על הארץ המאיר לארץ ולדרים עליה או בלילה לאור הנר. ולפי שאין העין עצם הרואה, [לכן] לפי מה שיתרחק יותר מן הנר כן יתמעט ראיתו, ולפי מה שיוסיף לגשת אליו כן יראה בעיניו". ודבריו מובאים **בצמח ה' לצבי** (פרשת שלח) עיי"ש.

**12.** דניאל ב,כב וז"ל: "נודע מחכמי הטבע כי אין ראית עין האדם מצד עצמו אך הוא כמראה מלטשת השואבת מאור היום, או אור הנר בהתהפכות הכרת בהיקותו אליו, ועל כן לא יראה כי אם בהביט אל מקום אור כי ממנו יקח לראות, מה שאין כן בהביטו אל החשך כי לא יראה את כל מאומה כי הוא חשך ולא אור לקבל הימנו", עיי"ש. מובא דבריו **בייטב לב** (וישב ד"ה ויאמרו לו אחיו, וילך ד"ה ויקרא משה ליהושע, עיי"ש למה נקראו מנהיגי ישראל עינ"י העדה), **ובערוגת הבושם** (בראשית).

**13.** **שער השמים** לאבי הרלב"ג וחתן הרמב"ן (מאמר תשיעי), **שבילי אמונה** (מאמר רביעי): "נחלקו חכמי המחקר אם הכח הרואה יוצא לחוץ ויפגע במוחש, או אם צורת המוחש נרשמת ונחקקת באויר הסמוך לו והסמוך בסמוך עד הגיעו אל העין וכו', ואריסטו וסיעת הביאו גם הם ראיות לדבריהם שאמרו שצורת המוחש נרשמת באויר ונכנסת לפנים לעין, ולכן כשאדם סר מאור השמש פתאום למקום החושך לא נעצר מיד העור ההוא מעינו לפי שנכנס לפנים לעין. וגם כשהביט אדם צבע אחד זמן רב ואחר כך סר ממנו לא נפרד מעיניו תיכף הצבע ההוא אך ידמה לו שהצבע הראשון עומד לנגד עיניו, ואם ניצוץ רוח הרואה יוצא לחוץ ומתפשט שם אל המוחש למה ידמה לו שהצבע הראשון עומד לנגד עיניו מאחר שאינו מסתכל בו אלא בודאי הטעם הוא לפי שנכנסת לפנים לעין ואינו יוצא ממנו מהרה", עיי"ש עוד.

**14.** עין הערה הקודמות.

## צו זעט טאקע דאס אויג בלויז דורך זונשטראלן? / דער ווייטגרייכנדער כח פונעם חוש הראיה / די וואונדערליכע ארבעט פונעם "אויג לענס" / דער אריסטערלישער כח פון איין בליק

בס"ד וועלן מיר ממשיך זיין פון צייט צו צייט מיט דער סעריע "די וואונדער פונעם אויג", וואו עס וועט ווערן ערקלערט נאך פיל וואונדערליכע זאכן ארום די אויגן און דעם געוואלדיגן מוסר השכל וואס מיר קענען ארויסנעמען דערפון.

פאר הערות און קאמענטארן, רופט 845.999.4114 עקס. 1-9


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810

"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9

ברכות און השפעות
דורכ'ן מזכה זיין כלל ישראל מיט שמירת עינים

הצלחה אין פרנסה — זוהר הקדוש
ערליכע קינדער — זוהר הקדוש
עשירות — אמרי נועם ועוד
רפואת הגוף והנפש — הרה"ק רבי לייבל אייגער
מחילת עוונות — עטרת יהושע
הצלחה בתורה — בית אברהם ועוד
הצלה ממאורעות הזמן — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
אריכות ימים ושנים — אבן עזרא
יראת שמים — דברי שמואל
קרבת אלקים — רבינו בחיי ועוד
ניצול מצער גידול בנים — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
שמירה מכל רעה — תפארת שלמה ועוד

זכות הוצאת הגליון $6,000
זכות הדפסת הגליון $1800

חלק בהפצת הגליון:
זכות עמוד בגליון $900
זכות 2,000 גליונות $360
זכות 1,000 גליונות $180

מזכי הרבים | חודש'ליכע שותפים
$100 לחודש
$50 לחודש
$25 לחודש

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
845.999.4114 עקס. 1-1
24 שעה

מודעה משמחת
צו באשטעלן דעם קונטרס
"אן אפגעהיטענעם נסיעה"
רופט: 802.327.3592
שטארק געאייגנט פאר קבוצות וואס פארן א נסיעה
נ.ב. ביטע רופן געגוג פרי כדי עס זאל נאך קענען ווערן דעליווערט אין צייט איידער די נסיעה

על הטוב יזכר

זכות 2000 גליונות
הר"ר יואל בן אסתר גאטליעב שליט"א לכבוד זאת חנוכה ולע"נ זקינו הרה"ח ר' אהרן צבי ב"ר מאיר הלוי ע"ה ולזכות לראות רב נחת מכל יוצאי חלציו מתוך בריאות השלימות

זכות 1000 גליונות
מוה"ר חיים בצלאל בלום הי"ו / מוה"ר אהרן משה פריעד הי"ו / לזכות הנדבן - לברכה והצלחה בכל ענינים


